פּרץ מאַרקיש

שטיפֿעריש

לידער

ISBN:0-657-12421-4

01-106

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12421

SHTIFERISH

Peretz Markish

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jesse and Amy Peck Abraham
In honor of David and Jeremy Abraham*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פרץ מאַרקיש.

שטיפעריש.

ביכער-לאַגער פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע.
ווילנע.

זעצעריי פון דער יידישער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע
דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער 13.

שטיפעריש.

איבערזעצן און איבערדרוקן
אָן דער ערלויבניש פון מחבר
איז פאַרבאָטן.

פרילינג.

א.

שפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רייסט די פענסטער, ברעכט זיי אויס,—
נעמט אַריין דעם גאַסט דעם גרויסן,—
קומט אַנטקעגן אים אַרויס.

ס'איז היינט יום־טוב אין די גערטנער,
אויף די גאַסן, אומעטום;
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר,
ווי עס טאַנצן ווינטן אום.

הערט נאָר, ווי די צווייגן טרעשטשען
און דער טייך ווי שרייט און ברומט;
הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סווישטשען,—
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

ב.

וואַש זיך, ערד, און וואַש זיך, הימל,
וואַשט זיך, פעלדער, און זייט ריין,
כאַפּט זיך אויף פון אייער דרימל
און דערקענט זיך ניט אַליין!

פּאָכעט,ביימער, גלייכט זיך צווייגן,
לופט, באַפריש זיך גיך מיט טוי;
זיין געגנוג אייך, וועלדער, דאגהן,
ווייטע ווייטן—העלער, בלוי!

ווייַנט זיך אויס, פאַרפוילטע דעכער,
קאַפּעט נאָך אַ טרער—אַ טרער;
הימלען ווערן איצטער העכער,
און איך דאַרף אייך שוין ניט מער!

ג.

ס׳איז קיין בלעטלעך נאָך פאַראַנען,
שטייען נאָך די ביימער מיד;
נאָר מיט פייגעלעך זיי זיינען
שוין פון לאַנג, פון לאַנג צעבליט.

שוין פון לאַנג, פון לאַנג זיי וועקן
דעם פאַרשלאָפן־אַלטן וואַלד;
שפרינגען אין דער באָרד אים שנעקן,
און אים איז נאָך נאַס און קאַלט.

רייסט אַ פייגעלע זיך פריי אויס
און אַנטלויפט צופרידן, וואויל,
מיט אַ פריילעכס, מיט אַ נייעס,
מיט אַ לאַנגער שטרוי אין מויל.

און אַ שוואַלב אַ באַלעבעסל
בלאָנדזשעט אום פאַרטראַכט אַליין,
טרעפט זיין פאַראַיאָריק געסל
און דערזעט דאָרט פרעמדע שטיין.

ג.

יאָגט אַ ווינט און רייסט דעם קיטל
פונם ווינטער, עפּעס שרייט ער;—
רייסט פון קאָפּ ביי מיר די היטל,
גיט אַ שושקע זיך און—ווייטער,

ער פאַרטראָגט זיך ווייט און ווייטער,
לאָזט זי אָפּ און צריק אינאײנעם;
לויף איך נאָך זיי אַ פאַרשייטער
און איך כאַפּ פון זיי ניט קיינעם.

ה.

אַלע ריוועס אויסגעזייעט,
זיי מיט רויך פאַרצויגן האָט עס;
און אַרום און ווייט פון ס׳ביי האָט
זיך באַוויזן שוואַרצע בלאָטעס.

פעלדער שוואַרצע זעען מיד אויס
און געשטופּלט פונם דאָרף אָן;
גלייך מיט קוילן שוואַרצע רידעס
האָט זיי עמיצער באַוואָרפן.

הייבט פון דר׳ערד זיך שוין אַ פּאַרע,
טרעט אַ סטעזשקעלע זיך אויס שוין,
יאָגט אַ כמאַרע נאָך אַ כמאַרע
און אין האַרצן ווינטן רוישן.

.ו

ביי דעם שייד־וועג שטייט אַ ציילעם,
לעבן ציילעם וואַקסט אַ בוים,
קום צום שייד־וועג, ניט פאַרטייל אים,—
קום פאַרלאָז דיין טאַטנס היים.

נ׳אַלע זייטן גייען צווייגן
פונם שייד־וועגן בוים,
ווייזן וועגן אין פאַרבייגיין,
ווער ס׳פאַרלאָזט זיין טאַטנס היים...

דאָרטן טיילן זיך די וועגן
מיטן ווייטן גרינעם פעלד,
קום מיט מיר פון דאָרט אַוועקגיין
אין דער ווייטער גאָרער וועלט...

גיי איך אַלע טאָג צום ציילעם,
כ׳קריך אַרויף דאָרט אויפן בוים,
און פאַרנאַכטיק איך דערצייל אים
פון דיין טאַטן, פון דיין היים...

דאָרט ביים שייד־וועג אויף דיר וואַרט איך...
טאָג האָט שוין זיין קאָפּ פאַרברענט;
טו זיך אָן דיין רויטן פאַרטוך,
צי פון ווייטן אויס די הענט...

פאַלט שוין הימל, אַ פאַרפלעקטער;
פריי דיין טשערעדע לאָז גיין,
אויב מיין וועג מיין ווייטער שרעקט דיך,
בלייב אין דר׳היים, איך גיי אַליין...

ז.

גייט די נאַכט נאָך אום אַ בלינדע
און זי שלינגט נאָך יעדן רידער:
פרילינגס=ווינטל, לויפסט אַצינד דאָ,
אפשר, זוכן דיינע ברידער?

ווינטל, ווינטל, נאָך ניט גראָזיק
זיינען איצט די פּאַשע=ערטער,
מיט מיין האַרץ, ווי מיט אַ בלאָזזאַק,
אָטעם איך דאָ אויף זיי,—הערט איר?

צו דעם גאָלדשמיד, צום קאַיאָר איצט
לויפסטו ווינטל איבער ווייטן?
האָבער אויסגעשיט אַ קאָרעץ
האָב איך דאָ אין אַלע זייטן...

ווינטל, ווינטל, אָטאָ דאָ זע,
פון דער נאַכט ז׳געבליבן אַש שוין,
לייגט זיך פון מיין האַרץ אַ ראָסע,
קאָן מען ווידער שוין דאָ פּאַשען...

אויב געפינסט זי אין פרימאָרגן,
זאָג דאָרט, ווינטל, שטילערהייט איר,
אַז זי זוכן און איר נאָכגיין
זיך געגעבן כ׳האָב אַ נדר.

ח.

כ׳האָב געגעבן זיך אַ נדר
זוכן דיך און ניט געפינען;
בלויע וואָלקנדלעך, וואו גייט איר?
צו דעם גאָלדענעם באַגינען?

וועט מיר שיקן גאָט אַ רעגן
אויף די שוואַרצע פאַשע־פעלדער;
וועט זי קומען, וועל איך פרעגן:
—זאָג מיר, זאָג מיר, איך געפעל דיר?

און פאַרשעמט און איינגעבויגן
לויפן, לויפן כ׳וועל זיך לאָזן...
—מוזטו האָבן שוואַרצע אויגן,
ווי דאָס פעלד נאָך אָן די גראָזן...

וועלן פעלדער ווערן טראָגנד,
וועלן אָנטאָן זיך דיביימער,
וועסטו קומען, וועל איך זאָגן:
ניט פון דיר, געטרייע, טרוים איך...

ט.

כ׳בין שוין צוויי מאָל היינט געווען דאָ
און נאָך זיין וועל איך אַ פּאָר מאָל;
—גיט זיך ווינטעלע אַ ווענדע,
גיט זיך ריטשקעלע אַ מורמל...

קומט שוין פרילינג איצט מיט מיר אָן
און דאָס פעלד נאָך וויסט איז, ליידיק,
גויים פאָרן שוין אויף פורן,
רינט און קאַפּעט פונם שניי־טאָג...

כ׳ווייס אַליין ניט, וואו פון דאַנעט
זאָל איך ווייטער איצט אַוועקגיין,
—ווער דעם שניי אַ לאָז געטאָן האָט,
זאָל מיר אויך איצט ווייזן וועגן...

כ׳בין שוין צוויי מאָל היינט געווען דאָ
און נאָך זיין איך וועל אַ פּאָר מאָל,—
גיט זיך ווינטעלע אַ ווענדע,
גיט זיך ריטשקעלע אַ מורמל...

ליופט מיר וואַסערל אַנטקעגן
אי פון באָענט, אי פון ווייטן,
לויפט מיר איבער אַלע וועגן,
קומט מיר אָן פון אַלע זייטן...

גלייך ווי פון אַ גרויסער שריפה
מיט געראַטעוועט פאַרמאָגן,—
ריטשקעלעך דערשראָקן לויפן
אין דער וועלט, וואו אויגן טראָגן...

האָסטו, וואַסערל, געוואַשן
מיין געליבטערס וויסן באָרוועס,
נעם איך דיך אַ פולע פלאַש אָן
און איך טאַנץ דאָס גאַנצע דאָרף אויס...

יא.

זייפט זיך ערד איר אַלטן קאָפּ אויס,
רייסט זיך אַלע גראָווע האָר אויס,
שטעקן פערד די קעפּ פון שאָפּעס,
גלייך ווי מייזלעך פון די נאָרעס.

ווינטער לויפט אַן אָפּגעבריטער
אָנגעכאַפּט פון אַלע זייטן,—
אויסגעשמירטע שנייען ציט ער
און ער הערט זיך שוין פון ווייטן.

ערגעץ גראָבסטו אים אַ ריוו אויס?
ערגעץ גייסטו אים אַנטקעגן?
טרייסלען פערד שוין אָפּ די גריוועס,
און מען דרייט זיך אויס די עקן...

קומען ווינטעלעך צום גרייטנס
פון דער שוואַרצער ערד אַ שמעק טאָן,—
איז אַ בריוו פון דרום גייט אונז
פונם פרילינג, דעם דערוועקטן...

יב.

האָט די ערד שוין שוואַרצע קעפּלעך
אויסגעשטעקט פון אונטער שנייען,
וואַסער טשערפּעט מען מיט טעפּלעך,
וואו אין דרייען, וואי אין צווייען.

ווייסט ניט שניי זיך, וואו אַהינטאָן,
טראָגט אין רויכיקע זיך וויטן;
גלייך מע לויפט אים נאָך פון הינטן
און פאַרלייגט אויף אַלע זייטן.

רינט און שווימט פון די ריוווטשאַקעס—
באַרג אַראָפּ און באַרג אַרונטער,
אַלעמאָל גיט זיך אַ האַק אויס
אַ שטיק האַרץ פון קאַלטן ווינטער.

זומער.

א.

אין גאָלדענע רעקעלעך,
אויף דינינקע שטאַנגעלעך
הוידן זיך זאַנגעלעך—
מיט פולינקע בעקעלעך.

שושקען זיך ברעקעלעך
מיט גרינגינקע ווינטעלעך,—
גאַנצע געזינטעלעך
גאָלדענע גלעקעלעך.

גאָלדענע ריינדעלעך
ברידערלעך, שוועסטערלעך,
קלעפּן זיך—פלעסטרלעך,
ליבן זיך פריינדעלעך.

ווייט אַריין, ווייטער נאָך
ציען זיך—בערעלעך,
גאָלדענע הערעלעך,
פולינקע אייטערלעך...

זינגען געזאַנגעלעך
גאָלדענע ווענעכלעך,
גאָלדענע קולעכלעך,
גאָלדענע זאַנגעלעך.

זינגענדיק, טאַנצנדיק
אויף די געלעגערן
זויגט זיי אַ גאַנצן טאָג—
זונעלע זויגערין.

גאָלדענע ריטעלעך
שענקען זיי קייטעלעך,
טאָגעלע- קליידעלעך,
זונעלע—היטעלעך.

כמאַרעלעך—רעגנדלעך,
נעכטעלעך—טויעלעך,
ערדעלע—שטרויעלעך,
ווינטעלע—ניגונדלעך.

כאָוועץ זיך זאַנגעלעך,
פּאַשען זיך שטילינקע,
ווערן זיי פולינקע
שווערינקע באַנקעלעך.

אַ גאָלדענע רעטעניש!
שפּילט מען אויף הערנדלעך.
זינגען זיך קערנדלעך
שטיל—אַ געדעטעניש...

ב

זוער קאָן אונטער וואַסער ליגן
און ניט צוהאַלטן די נאָז,
און זיך הוידען, און זיך וויגן,—
שטעל זיך אויס דאָ אויפן שלוז!

אַך! ס'זאָל תמיד זיין נאָר זומער
גוט געווען וואָלט,—חברה, האָפּ!
זאָגט איר עפּעס אויף דעם שווימער,—
איך צום ערשטן שפּרינג אַראָפּ!

און ווי וואַסער־בלומען שיינע
שטעקן קעפּעלעך אַרויס,
פּליוסקעט מען זיך גרויסע, קליינע
אויפן וויכן וואַסער־שויס.

„נאַזנדיקע"—גיין באַזונדער,
ניט מיט אַלע שנעקעס גלייך;
קינדער, קינדער, קינדער, קינדער,
ס'גלוסט זיך ניט אַרויס פון טייך!

ג.

נו, מע קאָן שוין, חברה, ווידער,—
רעגן גייט שוין איצטער שטילער,
„אויף מיין וואָרט”—נאָך בעסער, ברידער
פרישער, זאַפטיקער און קילער.

בולבעלעך, ווי שיפלעך, שווימען—
איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן.
חברה, ווייסט, דאָס איז אַ סימן,
אַז נאָך לאַנג וועט גיין דער רעגן.

בולבען זיך די קינדער־קעפּלעך,
פּיסלעך באָרוועס לויפן, שפּרינגען,
נעזעלעך, ווי שוואַרצע קנעפּלעך,
און מע דרייט אויף וואַסער־רינגען.

היי, פאַרהויבט די מייטקעס העכער,—
און די קאַלוזשע אַריבער!
אויף דער גאַס שוין גאַנצע טעכער,
ווייקן, ווייקן זיך די שטיבער.

ליים און ציגל, חברה, רירט זיך,
מיר פאַרשטעלן דאָ דאָס וואַסער,—
האָרעוועט מען ביי דער ריטשקע
אַלע אויכגעצוואָגן־נאַסע.

פערדעלעך זיך, נעבעך, צאָגן
איינגעשפּאַנטע ביי די וועגן—
קריכט אַ גוי אונטערן וואָגן,—
זיך פאַרשטעלן פונם רעגן.

.9

גרינע גאָרטנס—אָפּגעשײַטע,
ליגט די בלאָטע טרוקן, דאַר שוין.
און, ווי פּייערלעך צעגליטע,
רופן, רייצן זיך די קאַרשן...

קום, איך וועל דיך אונטערשטופּן,
גאָר ניט הויך איז צו דערלאַנגען,
וואָס מיר צווועקעס, וואָס מיר קניפּן
בעסער וועלן זיי אונז איינגיין.

נו, געקלעטערט, נו, געריסן,
שפּעטער וועלן מיר זיי ציילן;
וויפיל ס׳איז ניט,—מיטן ביסן
וועלן מיר זיך גלייך צעטיילן.

ה

און האָט דאָס פעלד
געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט,
אַ גרויסע פרייד;
פון אומעטום
מע גייט,
מע לויפט, מע רייסט זיך אויפן גרויסן מאָלצייט
פונם פעלד.

עס ציען זיך פאַרטאָגן יונגע
בלייך־באַקנדיקע,
דערשראָקן, שעמעוודיקע,
באַקעטע און גרינגע
איבער צעוואָרפן ברייטן בלאָען הימל־סטעפּ...
און לויפן ווינטלעך אום
מיט עפּעס שטאַרק פאַרנומען,
און יעדער גרעזעלע,
און יעדער בלום
שטיל רייסן אויס אַ פּערעלע
פון אונטער ברעמען
און האַלטן עס אויף הערצעלעך
פאַרגרייט
אויף אָפּגעבן דעם זומער עס מיט פרייד...

און אַז עס קומט צו גיין די זון,
שנירן די גרעזעלעך מיט בלומען אויס
אַ גרויסן שנור
פון פּערעלעך, פון דימענטלעך,

פון אַלץ,
וואָס האָבן שטיל אין האַרץ געקליבן פרייד,
און טוען שטיל אים אָן
מיט פרייד
דעם יונגן זומער אויפן האַלז.

דאָרטן אין פעלד
ביי אַ פאַרגרייטן טיש
מיט האָניק-בלעטעלעך,
מיט קריגלעך וויין
שפּילן זיך באַבעלעך אויף שנירלעך שיין
איינס אויפן אַנדערן אַ שפּרונג
און איינס דעם אַנדערן אַ קוש.
זינגען דאָרט ריזן-ביימער זמירות,
אין קליידער נייע אַלע שיין געקליידט
און ביי די וועגן ערגעץ
ביימלעך קרומע
שטייען אויך,
גלייך ווי אין גלעקלעך גרינע
און בעבטשען אויך אונטער דער נאָז
אַ ניגונדל דעם יונגן זומער.

און כלי-זמר אומעטום:
כלי-זמר גאָלדענע
אויף סטרונעס ברענענדיקע,
אָנגעצויגן ביי דער זון
אין הימל-הויך,—
בינען
גאָלדענע לויפן אַרום
און זינגען, לויפנדיק,
דעם זומער אַ באַגינען...

אַ כמאַרע פויקט—
אויף טויזנט פויקן
און שיכור פון די פיס
פאַלט קויקלדיק זיך שוין אַראָפּ
אַ דונער.
דער הימל אָנגעטאָן אין שטערן=באַנד—
אין רעגן=בויגן,
און בייגט צו יעדן אָן
דעם בלויען פרישן קאָפּ...
דער זומער ריכט זיין יוגנט אָפּ...

דער זומער פרייט זיך,
דער זומער לאַכט און קוועלט
צעעפנט האָט ער, ל'אַכנדיק,
אַ גרויסן אוצר...
דער זומער פרייט זיך מיט זיין יוגנט
און פרייט זיך מיט אים מיט די גאָרע וועלט.

ער גייט אַרום
אַ יונגער גאָלדשמיד
מיט קרעלעכלעך באַקרעלט,
אין גאָלד די הענט,
זיין גליקלעך פנים— ברענט
און טיילט מתנות,
טיילט דער גאָרער וועלט...

אָט גיסט ער זילבער אָן אַ קוואַל,
אָט גילדט ער אָפּ אַ טייך,
אָט באַהאַלט ער דאָרט אַ הימל מיט אַ זון
און טיילט די גרעזלעך
נאָך אַ שטראַל—אַ שטראַל.

און נעמט מיט האָניק אויף אַ בין
און יעדן גיט ער מער
און יעדן גיט ער גלייך...

ער טוט זיך נאַקעט אויס,
די יונגע ברוסטן פלאַקערן
און צאַפּלען מיד,
די ברוסטן־טרויבן—תאווהדיק צעגליט,
און לעכצן נאָך אַ גרעסערן,
צעשפּרייטערן נאָך וועלטן־שויס...

אָט טוט ער אָן דעם וואַלד
אַ קרוין,
צעשענקט, צעגיט זיין גאַנץ פאַרמאָג,
דעם הייסן אָטעם פון זיין האַרץ,
זיין טאָג
און זיך אַליין,
און עפנט נייע אוצרות אויף,
צעפלאָנטערט נייע שנירלעך גאָלד.

פאַרקויקלט אין דער הויך אַ רייף
אַ גאָלדענע
און מאָלט
אַ שטערן־באַנד דעם הימל אויס...

לויפן ווינטלעך אום
און בלייבן שטיין,
און ווייסט שוין ניט דער טייך פאַר פרייד,
וואו זאָל ער גיין...

פאַרדרייט, פאַרשיכורט
איז דער גאָרער וועלט דער קאָפּ—
דער זומער ריכט זיין יוגנט אָפּ.

שלאָגט איין ווינט זיך מיטן צווייטן
פאַרן לעצטן שטיקל בעז;
ציטערט ביימל צווישןביידן
פון די טרייבנדיקע נעז.

איינער רייסט די צווייג פון הינטן,
איינער שלעפּט זי אין דער הויך,
רייסן זיך מיט גוואַלד די ווינטן,
דרייען זיך אַרום איר בויך.

שטעכט דאָס ביימל זיי אין אויגן
מיט די צווייגעלעך און שרייט:
„שוין פאַרטריקנט, אויסגעזויגן,
מיינע צווייגן, ווינטן, מיידט!"...

ז.

הער איך פּאַסטוכענע קולות,
מיין איך, טייערע, דאָס ביסטו,
נאָר דאָס פעלד פאַרנאַכטיק־הויל איז,
און די ווייטן ליגן וויסטע...

וואַרטן דיך מיר גאָר ניט לאַנג איז,
טאָגיש ליכטיקייט איך מאַט אויס;
טראָגן גויעס פולע באַנקעס
צוגעדעקט מיט גראָווע שמאַטעס...

שוין קיין פּי ניטאָ איז, דאַכט זיך,
רוען שוין די פּ̈שע־ערטער;
און דער וואַלד אַרום ווערט שוואַרצער
און געדיכטער און פאַרקלערטער...

נאַכט פון אַלע זייטן קלעטערט,
דו ביסט מיד, דו קאָנסט ניט איינגיין?
וואָס־זשע זאַמסט זיך אַזוי שפּעט דאָרט,
האָסט פאַרבלאָנדזשעט? ביסט פאַרגאַנגען?...

ניט פאַרקוקן דיין צוריקגיין
מיט דיין סטאַדע אויף די וועגן,—
וועלכע זייטן זאָל איך קוקן,
וועלכע ווינטן זאָל איך פרעגן?...

ח.

אפשר פאַשעסטו שוין דאָ ניט?
וואו ז׳דיין סטאַדע ניט געבליבן?
אפשר האָסטו זי פון דאַנעט
ערגעץ אַנדערש אָפּגעטריבן?...

זיינען ביטערע דאָ גראָזן?
צי קיין גראָז איז דאָ ניטאָ שוין?
ווינטן אָוונטיקע בלאָזן
און דער טאָג איז שוין פאַרלאָשן...

אפשר דורך אַן אַנדער וועג היינט
טרייבסטו זיך אַהיים דיין סטאַדע,
נאַכט מיט פינסטער אויף מיר רעגנט,
כ׳הער קיין ריר ניט פון קיין בלאַט דאָ!...

פאַלט די נאַכט פון בערג אויף טאָלן
און די וויטן שטיל זי בלאָט אויס;
טוען קאַליעזשקעס זיך שטאָל אָן,
דרעמלען איין די גרינע בלאָטעס...

פאַלט אויף מיר אַ פרישער טוי אָן,—
כ׳וויל אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן...
אפשר זאַמסטו זיך ביים פויען,
צי אַ שעפעלע ז׳אַנטלאָפן? ...

ט.

כ׳האָב מיר אויסגעקרויזט די האָר היינט,
אָנגעטאָן אַ העמד אַ קלאָר־ווייס
מיט צוויי קוטעסלעך פון פאַרנט,—
נ׳איבער בּרייטע שליאַכן באַרוועס:

ווער פון מיר אין דאָרף איז שענער,
זאָל אַרויסגיין זיך בּאַווייזן,
זע אַ קודלע, אויגן, זע נאָר,
און די פיס ווי שטאָל און אייזן.

לאָז אַ בּער פון וואַלד אַרויס דאָ,
וועל איך אים אַזוי צערייסן.
זאָג, ווי רופט מען דיך, ווי הייסטו?
—אַ קאָסינקע כ׳האָבּ פון ווייסן...

שיין מיין העמדל אויסגענייט איז
מיט אַ רויטן פּאַס אינמיטן;
כ׳נעם דיך, מיידל, אויף די פּלייצעס—
נ׳ערגעץ ווייט אַוועקגעריטן...

ט,

שטאַרבט דער טאָג, פאַרגייט די זון דאָרט,
ברענט אַ נאַכט־ליד שטילערהייט דאָ,
לידער האָב איך אפשר הונדערט:—
איינע שענער פון דער צווייטער.

וואָגן היי מיט גראָז—אַהער פאָר!
שיט זיך אויס, זאָל ווערן גרינער!
הערסטו ריידן אין די דערפער
פון אַן אויסוואָרף? ווייס, דאָס בין איך!

כ׳שיט דעם גאַנצן וועג אַזוי אָן,
ס׳זאָל אַהער דיין סטאַדע ציען,
קומט אַ זינגער אָן צום פויען,
ווייס, ס׳איז איך מיט מיינע קיען..

יא.

מע לויפט מיר נאָך מיט בייזע הינט,
מע שרייט פאַרבייגייענדע מיך כאַפּן, צוימען;
איך שנייד די געסלעך לינד—אַ ווינט,
און ס׳שיטן זיך פון בוזים ביי מיר פלאָמען.

כ׳האָב אָפּגעטרייסלט ערשט אַ גאַנצן בוים,
פון לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דעם געדיכטן.
מ׳האָט דעם קודלאַטן אָפּגעלאָזט פון צוים,
איך בין מיט אים באַקאַנט, ער וועט מיך ניט
קיין ריר טאָן.

דאָרט וואוינט אַ טויבער גוי, אַ שלעכטער גוי,
ער טשאַטעוועט אויף חברה פון קאַיאָר אָן
און כאַפּט, און רייבט דעם פנים אויס מיט שטרוי—
מיין הוט אַראָפּגעריסן פאַראַיאָרן.

כ׳האָב אָפּגעבראָכן, שפּרינגענדיק, אַ צווייג
און האָב מיט איר דעם הונט אין קאָפּ געטראָפן,
איך האָב געמאַכט אַ שווייג
און בין אַנטלאָפן...

מע לויפט מיר נאָך מיט בייזע הינט,
מע שרייט פאַרבייגייענדע מיך כאַפּן, צוימען;
איך שנייד די געסלעך לינד—אַ ווינט,
און ס׳שיטן זיך פון בוזים ביי מיר פלאָמען.

האַרבסט.

א.

שלאָפט דער סטעפּ מיט די הרוגים,
אויסגעקוילעט ליגן זאַנגען...
ווינטל, ווינטל, שטיל פאַרוויג אים
און פאַרשלעפער מיט געזאַנגען.

שטום, צעוואָרפן, אָפּגעשניטן
וואַלגערן זיך אויף די ברעגן;
לאָז ניט קיינעם אויף זיי טרעטן,
ווינטל, ווינטל, אויף די וועגן...

לאָז דיר, פעלד, זיך טרוימען זאַגען,
פרישער טוי און בלויער הימל,
שטילע מיידלשע געזאַנגען, —
דרעמל איין אַ שטילן דרימל...

ב.

אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפּערט
איז דער גאָרטן, טויט און שטום,
שטייט אַ שמעטערלינג פאַרגליווערט
אויף אַן אָפּגעבליטער בלום.

נאָר אַ ווינטל רירט די פליגלעך,
גיט די בּלימעלעך אַ דריי;
רייסט פון זיי זיך קליינע שטיקלעך,
נאָר דער בלום טוט שוין ניט וויי.

און אַ בין צו איר פאַרבלאָנדזשעט,
דאָרשטיק פון אַ ווייטן וועג,
מיד פאַרברענט, ווי זי, פאַרבראָנזעט,—
גיט אַ שמעק און פליט אַוועק...

ג.

צייטיק אָפּגעגעלבט אין מעשן
זיינען בלעטעלעך אין וואַלד;
לויפט אַ ווינט זיי איצטער דרעשן
מיט אַ שטורים, מיט אַ גוואַלד.

גאַנצע בערג מיט הויכע סטעלטעס
האָט שוין אָפּגעלייגט דער ווינט;
ווענען אַרט עס און ווער הערט עס, -
ס'אַרט זיי שוין אויך ניט אַצינד.

י.

דאָס טײכל —כמאַרעדיק, אין גאָלד—קאַמיש,
טשערעטן ברעכן זיך און דאַרן;
פאַרנאַכטן—װינטלדיק און נאַקעט־פּריש,—
אַלײן פון בוים שוין פאַלן באַרן.

פאַרזידט בײַם שײטער שטיל אַ טאָפּ קאָליש,
אַ װעג אַ לעצטן שיפלעך האַרן;
אין טײכלס מיט שפּרינגט דורך אַ פיש,
מיט מײלער אָפן שטײ׳ן אַמבאַרן.

װי בעטן אױסגעבעט מיט סנאָפּעס װײך,
צעלײגט די פױערים אױף קאָרן;
מיט גראַבלעס װאַקסנדיק, פאַרקוקט אין דר׳הויך,
אַהײמ פון פעלדער כורן פאָרן...

.ii

גיט אַ שפּרונג אַ הונט אין הויף און סקריפּעט אויף דער טויער,
פאָרט אַריין אַ העסע-בעט מיט קליינינקע צוויי פערד;
קעפּ געבויגן, גייען לאַנגזאַם, הינטן גייט אַ פּויער
און קלייבט צונויף די פאַלנדיקע זאַנגען פון דער ערד.

אינמיטן הויף אַ סטעכטע מיט אַ גראַבלע אויבן שטייט שוין
און קוקט אַרויס אַ גאָלדענע און בענקט שוין נאָך אַ צווייטער,
דער פּויער הייבט דעם שטערן אויף, ציילט אויס אַ מנין קנייטשן,
רופט מען אים אין שטאַל אַריין אַ קוק טאָן עפּעס —
גייט ער.

פון נעכטנדיקע פורן — ער אַ פולע שאָפּע ווייץ האָט,
ניט אָפּגעשניטנס איז אין פעלד — אַריבער נאָך אַ פור,
פונוויטן פליען שטעקנס הויך, — אין צווייען מען מעלייצעט,
דער פּויער קוקט אַ ווײַלע אין דר'הויך און לאָזט זיך צו דער טיר.

שפּאַנט ער אויס — און לויפן פערד אַליין אַוועק צום ברונעם.
סמאָקעט ער זיי נאָך אין דר'הויך און פייפט צו זיי און שעלט,
פּענטעט ער זיי, בורטשענדיק, — פאַרשפּרינגען זיי שוין פון אים,
אַ שייגעצל אַ קליינס מיט זיי וועט נעכטיקן אין פעלד.

8

שמעקט מיט צוגעפוילטע בלעטלעך,
מיט פאַרדאַרטע שטיקלעך גראָז;
סיף אין וואַלד מיט שטילע טריטלעך
לויפט נאָך ערגעץ אום אַ האָז.

נאָך איין פּאָדעם, נאָך איין קלעטער
און אַ היים האָט שוין דער שפּין;
אויף אַ קופּע פוילע בלעטער
ליגט אַ קאַץ אַנטקעגן זון.

און די הייך ווערט קאַלטער, בלויער
ביימער שטייען אָפּגעבּרענט;
שלעפּט זיך ערגעץ נאָך אַ פּויער
מיט אַ שטעקן אין די הענט.

שטייט די ווינט-מיל אויף אַ מידע,
מיט די פליגל ניט קיין ריר;
נאָר פון ווייטן סקריפּען רעדער
פון אַן אויסגעליידיקט פור.

ווינטער.

א.

כ׳בין אַרויס דיר, פראָסט, אַנטקעגן
אויף די אויסגעגלאָזטע וועגן:
איך מיט גליטשערס נייע צוויי,
דו מיט שליסל פונם שניי.

שליסטו אויף דאָס שנייענשיטן,
מיר מיין גליטשלקע פאַרשיטן, —
איז דער טייך געגנוג נאָך גרויס,
און איך רייב אַ נייע אויס.

שטעלסטו אונטער מיר אַ פיסל, —
רייס איך אויס ביי דיר דעם שליסל
און אַנטלויף מיט אים, היי, היי, —
כ׳בין געפאַלן און איך שטיי!

און צעגלי מיר נאָך די באַקן
מיט אַ ווינטל אַ געשמאַקן,
כ׳גיב זיך איינמאָל נאָר אַ דריי
און איך שיט דיך אָפּ מיט שניי.

אויסגעקאַטשעט כ׳האָב אַ שנייער
העכער נאָך פון אונזער טויער,
ציילן קאָנסטו, פראָסט? איינס, צוויי,
כאַפּ אַ קויל און ווייטער גיי!

נו, גענומען צו דער אַרבעט,
ווער אויף אויגן שוואַרצע פאַרב האָט,
ווער אַ היטל, חברה, היי, —
כ׳מאַך אַ באַבעצי פון שניי.

קנעט זיי, קנעט די ווייסע שוימען,
ס׳זאָל אַ רויך גיין פונם קוימען, —
האַנט אין האַנט אַ רייב, אַ קלאַפּ,
ט׳האָב איך שוין געמאַכט דעם קאָפּ.

רייסט די אויגן, קוקט נאָר העכער,
ווי עס זילבערן זיך דעכער
זעט אַ ליילאַך אונזער דאַך
פאַרן פעמפעק, וואָס איך מאַך.

חברה באַרלאַך, וואָס=זשע שטייט איר,
פון די אַקסל מאַכט אַ לייטער,
נאָך איין אויער, נאָך איין פוס —
און פון אַייך אַ שיינעם גרוס.

וואָס? די הענט זיינען פאַרפרערן?
נאָך צוויי קנייטשעקלאַך אין שטערן, —
און אַ פיק איר אין דער נאָז
און אויף ברעקלאַך זי כ׳צעבלאָז!

ג.

אויסגעגלעט דאָס פעלד מיט שנייען
אי פון פאָרנט, אי פון הינטן,
האָבן זיך מיטווילדן דרייען
אָפּגעלאָזט אין וועג די ווינטן.

אויסגענישטערט וואו אַ גראָבן,
וואו אַ לאָך און וואו אַ צווינטער,
און אַ אוצר דאָרט באַגראָבן
פונם קאַלטן ווייסן ווינטער.

דאָ אַ פאָרהאַנג אויפגעהאַנגען,
דאָ אַ לאָדן אָפּגעריסן,
דאָ אין קוימען ווילד אַריינגעיין
און מיט שנייען אים פאַרשמיסן.

און אַ גאַנצע נאַכט אַזוי האָט
ווינט געדרייט זיך און געגראָבן, —
וואו אַ גריבל — דאָרט פאַרווייעט,
וואו פאַרווייעט — דאָרט צעגראָבן.

ד.

אויסגעשפּינט די נאַכט מיט וואָל איז,
קרײַכן שאָטנס שטיל אים קלויבן, —
רייסן ווינטן פאַר די פּאָלעס
און פאַרקאַטשען און פאַרהויבן.

קלאַפּט דער ווינט אין פּנים צוועקלאַך,
מיטן וויכער לויף איך, רויש איך;
פאַלן, פאַלן ערגעץ גלעקלאַך,
שלינגט זיי אײַן דער ווייסער חושך.

כאַפּט זיי ווינט ביינאַכט פון מויל אויס,
טוט ער אויפן האַלז זיי זיך אָן;
און מיט מיידלש־ווייסע קולות
יאָגט ער ווייטער עפּעס זוכן.

ח.

ווערן מיידלאַך פריש די ליפּן,
ווערן מיידלאַך רויט די באַקן,
שנייען צו די ליפּן קליפּן
און זיי זוכן האַלז און נאַקן.

געבן זיך אויף האָר אַ לייג אויס,
און אויף ברעמען און אויף וויעס,
ווייסע רגעס, ווייסע רגעס,
זעט, מיין קאָפּ צו אַייך איך צי אויס...

שניי־שניט, שנייען אָפּגעשלאָסן!
ווינט, אין פּנים פּאַכע, פּאָכע!
ווער איך היינט באַנאַכט אַ חתן
פאַר דער ווייסער זאַוועראַכע...

י.

גליטשט אַ ווינטעלע אויף אַייז זיך, —
ווינטל, ווינטל, שטעל זיך, שטיי, —
וואָס פאַר ביימער, וואָס פאַר הייזער,
וועלכע וואַקסן ניט אין שניי?

גליטשן לויטערע לבנות
אין דער הויך זיך, נאַקעט, הויל, —
קום אַרויס ווער אָנגעטאָן איז
און פון שניי מיר טרעף אַ קויל!

קויקלט ווינטל ווייסע רייפן,
כאַפּט זיי שטורים מיט אַ קוויטש, —
וואָס פאַר פיס און וואָס פאַר לויפן,
וועלכע פאַלן ניט אין גליטש?

פראָסט און קעלט און ווינט און דרייען,
אַלע אין מיין האַרץ — איר ברענט! —
וואָס פאַר ווינטער, וואָס פאַר שנייען,
וואָס פאַרפרוירן ניט די הענט?

ג

שרעקט איר זיך פאַר טריט, וואָס קוויטשן,
מענטשן, פרערט איר, ס׳איז אַייך קאַלט ? -
איז אַרויס אויף פראָסט זיך גליטשן
נ׳אויף זיין הייסן פנים — פאַלט !

זאַווערוכעס לאַכן — הערט איר ?
רייסט אַ ווינט אַ ליידיק נעסט...
וואָס פאַר לענדער, וואָס פאַר ערטער,
וועלכע האָבן ניט קיין פרעסט ?...

האַנט אָן האַנט צעקלאַפן — קענט איר ?
פיס אויף גליטשיק אָרט — געשטעלט ! —
וואָס פאַר ערטער, וואָס פאַר לענדער,
וועלכע האָבן ניט קיין קעלט ?...

אויפן פראָסט און קעלט — געווען שוין ?
און געפאַלן ? — צו געזונט ! —
וואָס פאַר הערצער, וואָס פאַר מענטשן,
וועלכע קאָנען ניט דעם ווינט ?...

ח.

שלעפן שליטנס זיך פון ווייטן
אָנגעפּאַקטע גראָוו און גרייז;
און מיט שניי פון אַלע זייטן, —
היי, וואַס האַקט איר אויס דאָס אַייז?

אויף דער גליטשלקע, אינמיטן,
פּונקט אינמיטן איז אַ ריטש...
שלעכטער שליטן, שלעכטער שליטן,
וואָס צענעמסטו אונז דעם גליטש?

חברה, שנייערס, גרויסע שנייערס,
אין די שלעכטע שליטנס שמייס!
וואָס צענעמען זיי, ס'איז זייערס?
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אַייז?

ט.

און באַוואַקסן זיינען שויבן,
און באַזילבערט זיינען גלאָזן; —
ווייסע בלעטער, ווייסע גראָזן
און פון אונטן ביז פון אויבן.

ווייסע שפינען — שפינוועבס שיטן,
ווייסע, גרינגינקע פאַרשוינען;
זע, ווי ס'פאָרט אויף זיי אַ שליטן —
הערסט, זיי סקריפּען, הערסט, זיי וויינען?

אַלע פעלדער זיינען פולע,
איינס געבליבן איז ניט ליידיק,
הוליע, ווינטל, אויף זיי, הוליע,
מיטן קאַלטן ווייסן שניי=טאָג.

וואו=זשע רייסטו, ווינטל, שנייען,
אָט די ווייסע פרישע בלומען,
כ'וויל זיך אויך מיט דיר פאַרדרייען
און מיט שניי אויף פעלדער קומען!

אינהאלט:

I. פרילינג:

א. עפנט טירן, קומט אין דרויסן . . . . . 5 זייטל
ב. וואַש זיך ערד און וואַש זיך הימל . . . 6 „
ג. ס׳איז קיין בלעטלעך נאָך פאַראַנען . . . 7 „
ד. יאָגט אַ ווינט און רייסט דעם קיטל . . . 8 „
ה. אַלע ריוועס אויסגעזייעט . . . . . . 9 „
ו. ביי דעם שייד־וועג . . . . 10 „
ז. גייט זי דאָרט . . . . 11 „
ח. כ׳האָב געגעבן זיך אַ נדר . . . . . . 12 „
ט. איך בין שוין צוויי מאָל . . . . . . 13 „
י. לויפט מיר וואַסערל אַנטקעגן . . . . . 14 „
יא. זייפט זיך ערד איר אַלטע קאָפּ אויס . . 15 „
יב. האָט די ערד שוין שוואַרצע קעפּלעך . . 16 „

II. זומער:

א. אין גאָלדענע רעקעלעך . . . . 17 „
ב. ווער קען אונטער וואַסער ליגן . . . . . 19 „
ג. נו, מען קאָן שוין, חברה, ווידער . . . 20 „
ד. גרינע גאָרטנס אָפּגעשיטע . . . . . . 21 „
ה. און האָט דאָס פעלד געמאַכט אַ מאָלצייט . 22 „
ו. שלאָגט איין ווינט זיך מיטן צווייטן . . 26 „
ז. הער איך פאַסטוכענע קולות. . . . . . 27 „
ח. אפשר פאַשעסטו שוין דאָ ניט . . . . . 28 „
ט. כ׳האָב מיר אויסגעקרויזט די האָר היינט . 29 „
י. שטאַרבט דער טאָג . . . . 30 „
יא. מע לויפט מיר נאָך מיט בייזע הינט . . . 31 „

III. האַרבסט:

א. שלאָפט דער סטעפּ מיט די הרוגים . . . 32 „
ב. אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפערט . . . . 33 „

ג. צייטיק־אָפּגעגעלעבט אין מעשן. . . . . 34 זייטל
ד. דאָס טייכל כמאָרעדיק . . . . . . 35 „
ה. גיט אַ שפּרונג אַ הונט אין הויף . . . 36 „
ו. שמעקט מיט צוגעפוילטע בלעטלעך. . . 37 „

IV. ווינטער:

א. כ׳בין אַרויס דיר, פראָסט, אַנטקעגן . . . 38 „
ג. נו, גענומען צו דער אַרבעט. . . . . 39 „
ב. אויסגעגלעט דאָס פעלד מיט שנייען . . 40 „
ד. אויסגעשפּינט די נאַכט מיט וואָל איז . . 41 „
ה. ווערן מיידלעך פריש די ליפּן . . . . 42 „
ו. גליטשט אַ ווינטעלע אויף אייז זיך . . . 43 „
ז. שרעקט איר זיך פאַר טריט . . . . . 44 „
ח. שלעפּן שליטנס זיך פון ווייטן . . . . 45 „
ט. און באַוואַקסן זיינען שויבן. . . . . 46 „

Wydawnictwo Żydowskiej
:: Centralnej Organizacji ::
Szkolnej w Wilnie.
:אדרעס
Policcjna „Dom Oświaty",
Skrzynka pocztowa № 66.
Wilno.